ווערט אַרויסגעגעבן דורך דער „פֿאָרווערטס“־אַסאָציאַציע

פֿאָרווערטס

איז די עלטסטע ייִדישע צײַטונג אין דער וועלט
געגרינדעט אין יאָר 1897

# ווײַטער

אינטערנעץ־אויסגאַבע פֿאַר די וואָס לערנען זיך ייִדיש

www.yiddish.forward.com/vayter
זעקסטער יאָרגאַנג ✦ תשע״א – 2011 ✦ נומער 1 (45)

# ייִדיש אין אויסטראַליע

פֿייגע זילבערמאַן, אויסטראַליע

איך האָב ניט געוווּסט, אַז עס זײַנען דאָ לײַט וואָס רעדן ניט קיין ייִדיש, ביז איך בין געווען 6 יאָר אַלט. איך האָב יאָ געוווּסט, אַז מיט געוויסע מענטשן רעדט מען ענגליש, אָבער איך האָב געמיינט, אַז זיי האָבן געדאַרפֿט אויך קענען ייִדיש. איך בין ניט געבוירן געוואָרן אין די 1920ער אָדער אַפֿילו אין די 1950ער יאָרן. איך בין געבוירן געוואָרן אין 1986 אין אויסטראַליע.

מע וואָלט געקענט זאָגן, אַז מעלבורן איז דאָס לעצטע ווינקל פֿון יונג־ייִדיש און ייִדישער בילדונג. אין דער שלום־עליכם שול און קינדער־גאָרטן לערנט מען ייִדיש טאָג־טעגלעך. איך געדענק ביז הײַנט די ווערטער פֿון אונדזער לערנבוך אין ערשטן קלאַס. בײַ „ייִדישע קינדער א“ שטייט אַזוי: „מאָטלע גייט אין שול. גיטלע גייט אין שול. מאָטלע און גיטלע גייען אין שול.“ ביז איך בין געוואָרן 16 האָב איך ניט געוווּסט, אַז עס איז דאָ אַן ענגליש ביכל, וואָס הייסט „דיק ענד דזשיין“, פֿון וואַנען די פֿאָרעם פֿון דעם ביכל איז געקומען.

ווען מען ענדיקט אין דער שלום־עליכם שול דעם 6טן קלאַס, קען מען ווײַטער לערנען זיך ייִדיש. קינדער פֿון פֿאַרשיידענע ייִדישע און מיטל־שולן פֿון דער רעגירונג גיבן אָפּ זייער פֿרײַע צײַט און קומען אין שול זיך לערנען ווײַטער ייִדיש. מע קען אַפֿילו זיך לערנען ייִדיש ווי אַ מאַטורע־לימוד.



פֿאַר די יונגע־לײַט איז אויך דאָ דער „סקיפּ“. דער „סקיפּ“ איז אַ יוגנט־גרופּע פֿון „בונד“. סקיפּיסטן טרעפֿן זיך יעדן זונטיק פֿון 3 ביז 5 אַזייגער בײַ דעם „וואַקס־הויז“. דער בנין הייסט נאָך דעם גרויסן בונדישן טוער אין אויסטראַליע, יעקבֿ וואַקס. פֿאַרן קומען קיין אויסטראַליע אין 1940, איז ער געווען אַקטיוו אינעם „בונד“ אין ביאַליסטאָק. ער איז געשטאָרבן דעם 25סטן פֿעברואַר 1956.

די סקיפּיסטן קומען אין זייערע לאַגערן 3 מאָל אַ יאָר. דאָ זינגען די קינדער ייִדישע לידער אַזוי ווי „דאַלוי פּאָליציע“ און „שטיל ווי די לבֿנה“. זיי שרײַבן אויך זייערע אייגענע ייִדישע לידער לכּבֿוד די אָלימפּיאַדע־שפּילן אינעם לאַגער. זיי לערנען זיך וועגן דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג און וועגן הײַנט־צײַטיקע ענינים. דאָ פֿילט מען אַ פּראַקטישע ליבשאַפֿט צו דער ייִדישער שפּראַך. נאָך צוויי וואָכן פֿון פֿאַרברענגען אינעם „סקיפּ“־לאַגער, וואַרטן שוין ניט די קינדער אויף „ברעקפֿעסט“ אָדער „לאַנטש“, נאָר זיי פֿרעגן נאָך „פֿרישטיק“ און „מיטאָג“; מע וויל ניט גיין „סווימינג“, נאָר „שווימען“.

אויב מען וויל ערנסט זיך לערנען ייִדיש און מע האָט עס קיין מאָל ניט געטאָן, קען מען אַרײַן אין דעם ייִדיש־קלאַס פֿאַר אָנהייבער בײַ דעם מאָנאַש אוניווערסיטעט. דאָרט האָט מען דרײַ מדרגות פֿון לערנען זיך ייִדיש. עטלעכע יונגע־לײַט, וואָס ווילן ווערן ייִדיש־לערער, לערנען זיך דאָרט.

שוין עטלעכע יאָר גייט אָן אין מעלבורן אַ „ייִדיש סוף־וואָך“. דאָרט טרעפֿן זיך אַרום 50 מענטשן, וואָס רעדן בלויז ייִדיש דעם גאַנצן סוף־וואָך. פֿאַר אונדז, אויסטראַליער, וואָס קענען ניט פֿאָרן קיין ניו־יאָרק אין מיטן פֿון דעם אויסטראַלישן ווינטער, איז עס אַ געלעגנהייט צו רעדן מיט ייִדיש־רעדנערס פֿון אַרום אויסטראַליע און אַרום דער וועלט.

איך פֿיל זיך זייער גליקלעך וואָס איך האָב געקענט וואַקסן אין אַזאַ וואַרעמער ייִדישער קהילה ווי מעלבורן. איך האָב קיין מאָל ניט געטראַכט, אַז עס איז מאָדנע צו רעדן ייִדיש. אין מעלבורן קען מען זײַן אַ ייִד פֿון פֿאַרשיידענע ריכטונגען און רעדן פֿאַרשיידענע ייִדישע שפּראַכן; דערפֿאַר רופֿט מען מעלבורן „שטעטל מעלבורן“. ס׳איז אַ שטאָט, ווו מע קען טאַקע זען די ירושה פֿון „ירושלים ד׳ליטע“ און אַנדערע ערטער פֿון דער אַמאָליקער ייִדישער מיזרח־אייראָפּע.

## אין אַמאָליקן ניו־יאָרק

# די ערשטע חסידישע רביים

די חסידישע סבֿיבֿה, וואָס איז איצט אַזוי שטאַרק אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, איז תּחילת געווען גאַנץ קליין אין ניו־יאָרק און אַנדערע שטעט אין צפֿון־אַמעריקע. די חסידישע רביים האָבן זיך גאָר ניט געאײַלט צו פֿאַרלאָזן מיזרח־אייראָפּע. זיי האָבן אויך ניט געעצהט זייערע חסידים צו פֿאָרן קיין אַמעריקע, ווײַל דאָס לאַנד האָט ניט געהאַט קיין גוטן שם צווישן פֿרומע ייִדן. מע האָט געהאַלטן, אַז אין אַמעריקע גייען אַ סך ייִדן אַוועק אויף קרומע וועגן, וועלכע האָבן געפֿירט ווײַט פֿון ייִדישקייט.

דער מצבֿ האָט זיך געביטן בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה. די מלחמה האָט געבראַכט גרויסע ענדערונגען אינעם ייִדישן לעבן אין מיזרח־אייראָפּע, בפֿרט אין דעם לעבן פֿון חסידים און רביים. אַ סך פֿון זיי זײַנען געוואָרן פּליטים אין די לענדער, ווו זיי האָבן געוווינט. טויזנטער חסידים זײַנען אַנטלאָפֿן קיין אַמעריקע און גע־שאַפֿן דאָרטן אַ „קריטישע מאַסע״ פֿאַר ברענגען אויך זין, צי אייניקלעך, פֿון די רביים. אַרום זיי פֿלעגט ווידער אויפֿ־לעבן דער טראַדיציאָנעלער שטייגער פֿון דער „אַלטער היים״.

אין 1923 האָט דער ליובאַוויטשער רבי געשאַפֿן אין ניו־יאָרק אַן אַמערי־קאַנער אַסאָציאַציע פֿון זײַנע חסידים. שפּעטער, ווען אייראָפּע איז אַרומ־געכאַפּט געוואָרן מיטן מלחמה־פֿײַער פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט די דאָזיקע אַסאָציאַציע אָרגאַניזירט דעם גאַנצן פּראָצעס פֿון ברענגען דעם רבי און זײַן משפּחה קיין אַמעריקע. זיי זײַנען אָנגעקומען אין מאַרץ 1940.

בסך־הכּל, זײַנען קיין אַמעריקע אין די יאָרן 1893–1934 געקומען 47 חסידישע רביים. אַלע, אַ חוץ צוויי, זײַנען אָנגעקומען אין יאָר 1920 אָדער שפּעטער. נאָך פֿאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה האָט זיך אויף דעם אַמע־ריקאַנער ברעג אַראָפּגעלאָזט ר׳ דוד־מרדכי טווערסקי, וואָס האָט געשטאַמט פֿון דעם באַרימטן טשערנאָבילער רבי און איז געווען אַן אייניקל פֿון ר׳ דודל טאָלנער. געקומען איז ער אין 1913. די צײַטונג „ניו־יאָרק טײַמס״ האָט דעם 28סטן אויגוסט 1913 דערציילט וועגן דעם אָנקום פֿון דעם פּאָפּולערן רבי, וואָס איז דעמאָלט געווען 25 יאָר אַלט. זײַן משפּחה – די פֿרוי און פֿיר קינדער – האָבן געדאַרפֿט קומען שפּעטער. אין דער ווײַטער נסיעה האָט דעם רבין באַגלייט דער גבאי.



ר׳ דוד־מרדכי טווערסקי

דער טאָלנער רבי איז געקומען, אין תּוך אַרײַן, ווי אַ פּליט. אין רוסלאַנד האָט מען אים געהאַט אַרעסטירט, ווײַל ער האָט זיך אָפּגעזאָגט צו דינען אין דער אַרמיי. אַרויסגעלאָזט האָט מען אים, כּדי אײַנשטילן די אומצופֿרידנקייט, וואָס זײַן אַרעסט האָט אַרויסגערופֿן צווישן די ייִדן. אָבער דערנאָך האָט זיך פֿאַרקאָכט אַ מעשׂה אַרום די ספֿר־תּורות, וואָס זײַנען צוגעגנבֿעט געוואָרן פֿון דער שיל. דעם ענין האָט מען אויס־געדרייט אַזוי, אַז באַשולדיקט האָט מען ניט דעם גנבֿ, נאָר דווקא דעם רבין. צו בלײַבן אין רוסלאַנד איז שוין געווען געפֿערלעך.



פּאָליציאַנטן היטן ר׳ יוסף־יצחק שניאורסאָן בשעת זײַן באַזוך אין אַמעריקע אין יאָר 1929

# די שבת־קאָמיטעטן

אין די 1920ער יאָרן איז די בראָנקס געוואָרן איינער פֿון די גרעסטע צענטערס פֿאַר ניו־יאָרקער חסידים. אַ חוץ די חסידישע ייִדן, וואָס האָבן בכּיוון „געמופֿט״ (זיך איבערגעצויגן) אַהין, כּדי זײַן צווישן אײגענע מענטשן, זײַנען פֿרום געוואָרן אויך אייניקע אַנדערע בראָנקסער ייִדן. רעליגיעזקייט איז דעמאָלט בכלל שטאַרקער געוואָרן אויף דער ייִדישער גאַס.

די שטאַרקערע פֿרומקייט פֿון דער געגנט האָבן דערפֿילט די קרעמער. פֿון זיי האָבן די פֿרומע ייִדן גענומען פֿאָדערן צו האַלטן פֿאַרמאַכט די געשעפֿטן אום שבת. מיט דעם דאָזיקן ענין האָבן זיך באַשעפֿטיקט די אַזוי־גערופֿענע „שבת־קאָמיטעטן״, וועלכע זײַנען טעטיק געוואָרן אין דער געגנט אין די מיט־1920ער יאָרן. זיי האָבן געוואָלט אויספֿירן, אַז שבת זאָל זײַן שבת, און ניט גלאַט אַ טאָג. און געפֿירט האָבן זיי זייער טעטיקייט ערנסט, אָן חכמות.

מענטשן פֿון די קאָמיטעטן פֿלעגן קומען צו די קרעמער און פֿון זיי פֿאָדערן זיי זאָלן ניט עפֿענען די געשעפֿטן אום שבת. עס האָט ניט געלוינט צו זאָגן „ניין״. ווײַל אויב עס האָט ניט געהאָלפֿן צו בעטן מיט גוטן, האָט דער קאָמיטעט אָרגאַניזירט אַ בויקאָט, און דאָס געשעפֿט האָט געקענט פּשוט אונטערגיין. אמת, די קראָמען האָט מען געהאַלטן פֿאַרמאַכט ניט נאָר צוליב גוטע באַציִונגען מיט די חסידים. ניט ווייניק קרעמער זײַנען אַליין געווען צופֿרידן זיך אומקערן צום טראַדיציאָנעלן ייִדישן שטייגער פֿון לעבן. דאָס האָט געהייסן, אַז די קראָמען זײַנען געווען פֿאַרמאַכט אין משך פֿון צוויי טעג, ווײַל די פּאָליציי האָט דעמאָלט ניט געלאָזט צו האַלטן זיי אָפֿן זונטיק.



# דעמאָלט און הײַנט

קיין סך פֿאַרבינדונג צווישן דער אַמעריקאַנער חסידישער וועלט פֿון יענער צײַט און פֿון הײַנט איז ניטאָ. די ליובאַוויטשער שטעלן מיט זיך פֿאָר כּמעט אַן אויסנאַם. בדרך־כּלל, אָבער, האָבן דעמאָלט, אין די 1920ער און 1930ער יאָרן, אין די חסידישע קרײַזן זיך אַרײַנגעריסן סימנים פֿון מאָדערנקייט, וועלכע מע זעט ניט הײַנט. די יונגע רביים האָבן פֿאַרשטאַנען, אַז – אָן אײַנפֿירן געוויסע מאָדערנע זאַכן – האָט זיי געדראָט די סכּנה צו פֿאַרלירן זייער עולם.

אין ייִדישע צײַטונגען פֿון די 1920ער יאָרן האָט מען געשריבן, אַז די חסידישע שטיבלעך אין ניו־יאָרק האָבן אָפֿט מאָל אויסגעזען מער ווי קלובן איידער ווי שטיבלעך פֿון מיזרח־אייראָפּע. און אין אייניקע אמונה־זאַכן פֿלעגט מען אויך צו מאָל זײַן ניט הונדערט פּראָצענט שטרענג. מע האָט שוין געהאַלטן, אַז אין אַ פּאָר יאָרצענדליק וועלן אונטערגיין די פֿאַרבליבענע אַלטע שטיבלעך, ווײַל דער עלטערער דור וועט אַוועקגיין, און קיין נײַע גרויסע כוואַליעס פֿון אימיגראַציע האָט מען ניט דערוואַרט. מענטשן פֿון דעם יונגן דור חסידים – אַרײַנגערעכנט די אייניקלעך פֿון רביים – האָבן זיך דערווײַל אַמעריקאַניזירט.

בייסבאָל האָט זיך אַרײַנגעריסן אויך אין די שטיבלעך. חסידים האָבן גענומען טראָגן מאָדערנע בגדים, לויטן אַמעריקאַנער פֿאַסאָן. פֿאָטאָ־אַלבאָמען, וואָס מע היט אָפּ אין די חסידישע משפּחות, ווײַזן אָפֿט מאָל, אַז זיידעס און באָבעס פֿון הײַנטיקע חסידים פֿלעגן זיך אָנטאָן גאָר אַנדערש. דער מצבֿ האָט זיך געביטן, דער עיקר, נאָכן חורבן.




דער עיקר פֿון די בײס-באָלל „גײם", ערקלעהרט פֿאַר ניט קײן ספּאָרטס-לײט.












## ייִדישע מאָזאַיִק

# מענדעלעס יובֿיליי

דעם 2טן יאַנואַר 2011 איז גע־וואָרן 175 יאָר זינט דעם טאָג, ווען אין דעם שטעטל קאַפּוליע (אין רוסיש Копыль און אין ווײַסרוסיש Капыль, הײַנט אין דער מינסקער געגנט פֿון ווײַסרוסלאַנד) איז געבוירן געוואָרן שלום־יעקבֿ אַבראַמאָוויטש. אונדז איז ער בעסער באַקאַנט ווי מענדעלע מוכר־ספֿרים, דער „זיידע" פֿון די מאָדערנע ליטעראַטורן סײַ אויף ייִדיש, סײַ אויף העברעיִש. זײַן ראָלע אין דער העברעיִשער ליטעראַטור איז אָפּגעמערקט אין ישׂראל – מע זעט עס, למשל, אויף די שילדן פֿון די גאַסן, וואָס טראָגן זײַן נאָמען: אין ירושלים, תּל־אָבֿיבֿ, חיפֿה און אַנדערע שטעט.

געשטאָרבן איז מענדעלע אין אָדעס, קורץ נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש. אַזוי אַז קיין שלעכטע זאַכן וועגן קאָמוניזם בכלל צי וועגן דער סאָוועטישער מאַכט בפֿרט האָט ער פּשוט ניט באַוויזן צו זאָגן. נאָך מער: מע האָט געטענהט, אַז ער איז געווען דווקא צופֿרידן מיט דער רעוואָלוציע. אַזוי איז עס, לכל־הפּחות, פֿאַרשריבן געוואָרן אין דער סאָוועטישער קולטור־מסורה.



**ייִדישע שרײַבער אין אָדעס, 1916.**
פֿון רעכטס: ש. פֿרוג, ה.־נ. ביאַליק, מענדעלע, ש. אַנ־סקי און י. ראַווניצקי

מענדעלעס ווערק האָט מען גע־דרוקט, געלערנט און געפּראַשט אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד; באַזונדערס, פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה. זײַן נאָמען האָט געטראָגן דער מלוכישער מוזיי פֿון ייִדישער קולטור, וואָס איז געעפֿנט געוואָרן אין אָדעס אין יאָר 1927, צום צענטן יאָרצײַט נאָך דעם שרײַבערס פּטירה. אין די מיט־1930ער יאָרן איז געווען אַ פּלאַן אַריבערצופֿירן דעם מוזיי קיין ביראָבידזשאַן. אָבער דער מוזיי האָט פֿון דעסטוועגן עקזיסטירט אין אָדעס ביז 1941. בעת דער מלחמה זײַנען פֿאַרפֿאַלן געוואָרן ס׳רובֿ מאַטעריאַלן פֿון זײַן ביבליאָטעק, אַרכיוו און אויסשטעלונגען.

ברייט האָט מען אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד אָפּגעמערקט דעם 100־יאָריקן יובֿל פֿון דעם ייִדישן קלאַסיקער. די מאָסקווער צײַטונג „פּראַוודאַ" האָט דעם 3טן מאַרץ 1936 דערציילט וועגן אַ גרויסן ליטעראַרישן אָוונט אין מאָסקווע, אין דער סאָוועטישער הויפּטשטאָט. אַ חוץ הויכגעשטעלטע מלוכה־לײַט, האָבן זיך אין דער אונטערנעמונג באַטייליקט אויך רוסישע און ייִדישע קולטור־טוער. מע האָט אַנאָנסירט, אַז צום יובֿיליי האָט דער מאָסקווער פּעדאַגאָגישער אינסטיטוט באַקומען אַ מעגלעכקייט צו באַלוינען איינעם פֿון די בעסטע סטודענטן מיט אַ מענדעלע־סטיפּענדיע. אין יענע יאָרן האָט דער דאָזיקער אינסטיטוט (אוניווערסיטעט) געהאַט אַ ייִדישן אָפּטייל. בעת דעם זעלבן ליטעראַרישן אָוונט האָט מען זיך דערוווּסט, אַז איינע פֿון די ייִדישע שולן אין דער מערבֿ־רוסישער שטאָט סמאָלענסק וועט טראָגן דעם נאָמען פֿון מענדעלע מוכר־ספֿרים.

אין דעם זעלבן יאָר, 1936, האָט מען אין ביראָבידזשאַן אָנגעהויבן בויען אַ בנין פֿאַר דער היגער ביבליאָטעק, וועלכע האָט געזאָלט אויך אָנגערופֿן ווערן ווי די מענדעלע־ביבליאָטעק. אָבער אין 1940, ווען די בויונג האָט מען, סוף־כּל־סוף, פֿאַרענדיקט, איז באַשלאָסן געוואָרן, אַז די ביבליאָטעק וועט זײַן געווידמעט שלום־עליכמען.

אין 1939 האָט מען אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד זייער ברייט אָפּגעמערקט דעם 100־יאָריקן יובֿיליי פֿון שלום־עליכמען, וועלכער האָט צו יענער צײַט פֿאַרנומען אַ וויכטיק אָרט אין דעם אַלגעמיינעם סאָוועטישן ליטעראַרישן קאַנאָן. דעם 13טן יאַנואַר 2011 איז אין דער ביראָבידזשאַנער ביבליאָטעק געעפֿנט געוואָרן אַן אויסשטעלונג צום 175סטן יובֿל פֿון מענדעלע מוכר־ספֿרים, וועמען שלום־עליכם האָט בשעתו באַטיטלט ווי זײַן ליטעראַרישן „זיידע".

# די מאַנגער־ביבליאָטעק אין קעשענעוו

מיט צוואַנציק יאָר צוריק איז אין קעשענעוו געעפֿנט געוואָרן די ייִדישע ביבליאָטעק, וועלכער מע האָט געגעבן דעם נאָמען פֿון איציק מאַנגער (1901–1969). מאַנגערן איז שווער צו פֿאַרבינדן מיט געאָגראַפֿיע. ער איז געבוירן געוואָרן אין טשערנאָוויץ, וואָס איז צווישן די וועלט־מלחמות געווען אַ טייל פֿון רומעניע. אַ צײַט האָט ער געוווינט אין בוקאַרעשט, אָבער ער האָט פֿאַרבראַכט אַ סך יאָרן אויך אין אַנדערע שטעט און לענדער. דאָך, ווערט ער, בדרך־כלל, אויפֿגענומען ווי אַ רומעניש־ייִדישער דיכטער, און דאָס האָט געמאַכט אַקטועל זײַן נאָמען אין קעשענעוו, וואָס איז ביז 1940 געווען אַ טייל פֿון רומעניע. שוין אָפּגעשמועסט פֿון דעם, וואָס מאַנגערס נאָמען איז פּאָפּולער געווען אין ישׂראל, וווּ זינט 1969 פֿלעגט מען צוטיילן ייִדישע ליטעראַרישע פּרעמיעס אויף זײַן נאָמען.




בעת דער קאָנצערט־פּראָגראַם לכּבֿוד דעם 20סטן יובֿיליי

די מאַנגער־ביבליאָטעק אין קעשענעוו, מיט איר רײַכער קאָלעקציע פֿון 50,000 ביכער, דינט אויך ווי אַ ייִדישער קולטור־צענטער פֿון דער שטאָט. מע פֿירט דאָרט דורך כּלערליי קולטור־אונטערנעמונגען – קאָנצערטן, ליטעראַרישע אָוונטן און וכ׳. בײַ דער ביבליאָטעק אַרבעטן אויך פֿאַרשיידענע קלאַסן. די צאָל לייענער איז אַ ממשותדיקע – בערך 12 טויזנט נפֿשות. פֿאַר די צוויי יאָרצענדליק איז די מאַנגער־ביבליאָטעק געוואָרן אַ וויכטיקע אינסטיטוציע, וואָס איז טעטיק גלײַך אין דרײַ קולטורן: ייִדישער, רומענישער און רוסישער.

---




# ייִדישער טעאַטער־פֿעסטיוואַל

אין 2009 איז אין מאָנטרעאָל דורכגעפֿירט געוואָרן דער ערשטער ייִדישער אינטערנאַציאָנאַלער טעאַטער־פֿעסטיוואַל. דערמיט האָט מען אָפּגעמערקט דעם 50סטן יובֿיליי פֿון דעם היגן ייִדישן טעאַטער, וואָס טראָגט דעם נאָמען פֿון דער גרינדערין פֿונעם טעאַטער – דאָרע וואַסערמאַן. אויסגעשולט אין דער מאָסקווער ייִדישער טעאַטער־שול בראָש מיט שלמה מיכאָעלס, האָט זי בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה זיך באַקענט מיט שורע וואַסערמאַן, אַ פּוילישן ייִדן. נאָך דער מלחמה זײַנען זיי אַרויסגעפֿאָרן קיין פּוילן און שפּעטער, אין 1950, אָנגעקומען קיין קאַנאַדע.

איר טעאַטער איז פֿון סאַמע אָנהייב אָן געווען מער ווי סתּם אַ טעאַטער. דאָס איז אויך געוואָרן אַ וויכטיקע קולטור־אינסטיטוציע פֿאַר אָפּהיטן און אַנטוויקלען די ייִדישע שפּראַך און קולטור. הײַיאָר, אין יוני חודש, וועט דורכגעפֿירט ווערן דער צווייטער אינטערנאַציאָנאַלער פֿעסטיוואַל פֿון ייִדישע טעאַטערס.

אין אַ גוטער שעה!

## פֿאַר קליין און גרויס

### ייִדישע מעשׂיות פֿון בעלז

# אַ מעשׂה פֿון אַ באַבעצקעלע מיט חיהלעך

עס איז אַמאָל געווען אַ באַבעצקעלע. זי איז געווען אַ בייזע, געטראָגן אַ לאַנגן צאָפּ, געהאַט אַ פֿאַרדרייטע נאָז, קליינע אייגעלעך און אַ גרויס מויל מיט נאָר איין צאָן. איר אַלט שטיבעלע איז געשטאַנען אויף אַ גרינער לאָנקע אין מיטן אַ פֿינצטערן וואַלד. באַבעצקעלע פֿלעגט צונעמען שלעכטע קינדער, וואָס האָבן ניט געוואָלט פֿאָלגן טאַטע־מאַמען.

איין מאָל האָט אַ מאַמע אַוועקגעגעבן איר שלעכט מיידעלע צו באַבעצקעלען. אויפֿעסן דאָס מיידעלע האָט באַבעצקעלע ניט געקאָנט. זי האָט דאָך געהאַט נאָר איין צאָן, אָבער עס אָנשרעקן זי זאָל פֿאָלגן די מאַמע – דאָס יאָ!

האָט באַבעצקעלע צוגענומען דאָס שלעכט מיידעלע און איז אַוועק מיט איר וויַיט אין וואַלד צו קלײַבן שפּענדלעך. מיט טרוקענע שפּענדלעך איז גוט איַינהייצן אין אויוון, קאָן מען דערנאָך שטעלן קאָכן די וועטשערע.

דערוויַיל איז צום באַבעצקעלעס שטיבעלע צוגעקומען אַ בערעלע און האָט זיך אָנגעהויבן דרייען הין און קריק. און אַזוי ווי בערעלע דרייט זיך, קומט צו אַ הינטעלע און פֿרעגט: „בערעלע, וואָס דרייסטו זיך דאָ?‟ ענטפֿערט בערעלע: „וואָס אַרט דיך? דריי זיך אויך!‟ דרייען זיי זיך שויןביידע.

אַזוי ווי זיי דרייען זיך, קומט צו אַ הערשעלע און פֿרעגט: „בערעלע, הינטעלע, וואָס דרייט איר זיך דאָ?‟ ענטפֿערן זיי: „וואָס אַרט דיך? דריי זיך אויך!‟ דרייען זיי זיך שוין אַלע דרײַ. און אַזוי ווי זיי דרייען זיך, קומט צו זיי צו אַ הענדעלע און פֿרעגט: „בערעלע, הינטעלע, הערשעלע, וואָס דרייט איר זיך דאָ?‟ ענטפֿערן זיי: „וואָס אַרט דיך? דריי זיך אויך!‟ דרייען זיי זיך שוין אַלע פֿיר.

(סוף אויף זײַט 8)



# אַ מעשׂה פֿון אַ באַבעצקעלע מיט חיהלעך

(סוף פֿון זײַט 7)

און אַזוי ווי זיי דרייען זיך, קומט צו זיי צו אַ דעקל פֿון אַ טשײַניק און פֿרעגט: „בערעלע, הינטעלע, הערשעלע, הענדעלע, וואָס דרייט איר זיך דאָ?" ענטפֿערן זיי: „וואָס אַרט דיך? דריי זיך אויך!" דרייען זיי זיך שוין אַלע פֿינף.

און אַזוי ווי זיי דרייען זיך, קומט צו זיי צו אַ שטיקל סמאָלע מיט אַ שפּילקע אַרײַנגעשטעקט און פֿרעגן: „בערעלע, הינטעלע, הערשעלע, הענדעלע, דעקעלע, וואָס דרייט איר זיך דאָ?" ענטפֿערן זיי: „וואָס אַרט אײַך? דרייט זיך אויך!" און אַזוי דרייען זיי זיך שוין אַלע זיבן.

האָבן זיי זיך אַזוי לאַנג געדרייט ביז ס'איז געוואָרן נאַכט. און אַז ס'ווערט נאַכט, דאַרף מען גיין שלאָפֿן. וווהין גייט מען שלאָפֿן? צו באַבעצקעלע אין איר שטיבעלע.

קומען זיי אַרײַן אין שטיבעלע, גייען זיי אַלע און לייגן זיך שלאָפֿן: בערעלע לייגט זיך אין בעט, הינטעלע – אין וויגל, הערשעלע – אויפֿן אויוון, הענדעלע – אויף דער פּאָליצע, דאָס דעקל – אין קוימען, דאָס שטיקל סמאָלע – אינעם פּושקעלע מיט שוועבעלעך, און די שפּילקע האָט שוין ניט ווו זיך צו לייגן. ניטאָ מער קיין פֿרײַ ווינקעלע אין שטיבעלע. האָט די שפּילקע זיך פֿאַרשטעקט אין האַנטעך.

קומען צו גיין פֿון וואַלד באַבעצקעלע מיטן מיידעלע און טראָגן צוויי בינטלעך שפּענדלעך. זיי זײַנען מיד און הונגעריק, אָבער כּוח אײַנהייצן דעם אויוון האָבן ביידע ניט. גייען זיי זיך לייגן שלאָפֿן. וויל די באַבעצקעלע זיך לייגן אין בעט, גיט איר בערעלע אַ זעץ מיטן פֿוס. דערשרעקט זי זיך און שפּרינגט אַרויס צוריק. גייט זי זיך לייגן אין וויגל, גיט איר הינטעלע אַ ביס. הייבט באַבעצקעלע אָן שרײַען: „אוי, ווער איז דאָ!"

נו, גייט זי זיך שוין לייגן אויפֿן אויוון, גיט זי הערשעלע אַ שטופּ מיט זײַנע הערנער. ווערט דער באַבעצקעלען פֿון שרעק קאַלט. וויל זי זיך אָנוואַרעמען בײַם אויוון, פֿאַלט דאָס דעקעלע אַראָפּ פֿונעם קוימען גלײַך באַבעצקעלען אויפֿן קאָפּ. דערשרעקט באַבעצקעלע זיך נאָך מער און הייבט אָן נאָך העכער שרײַען: „אוי ווי, ווער איז דאָ!"

זי כאַפּט דעם לאָמפּ און וויל אים אָנצינדן, זען וואָס קומט פֿאָר אין שטוב? גייט זי צו צום פּושקעלע שוועבעלעך און וויל אַרויסנעמען אַ שוועבעלע, קלעפּט זיך אָן די סמאָלע צו אירע פֿינגער און וויל זיך ניט אָפּקלעפּן. גייט זי און וואַשט זיך אָפּ די הענט פֿון דער סמאָלע און נעמט זיך פֿאַרן האַנטעך אָפּווישן די הענט. פֿילט זי פּלוצעם אַ שטאָך און הייבט אָן אַזוי שרײַען, אַז הענדעלע כאַפּט זיך אויף און שרײַט אַראָפּ פֿון דער פּאָליצע: „קו־קו־רי־קו, כאַפּט דעם גנבֿ!" דערהערט, אַז אין איר שטוב איז אַ גנבֿ, האָט באַבעצקעלע זיך שטאַרק דערשראָקן און איז אַוועקגעפֿאַלן טויט.

דערווײַל איז דאָס מיידעלע צוריק אַנטלאָפֿן אַהיים צו איר מאַמען און האָט אָנגעהויבן זי פֿאָלגן! און פֿון דעמאָלט אָן האָבן אַלע קינדערלעך אָנגעהויבן פֿאָלגן זייערע מאַמעס.

אַדאַפּטירט פֿון **באָריס סאַנדלער**

## פּסח אויף דער וועלט



### ערבֿ־פּסח

*פֿון נפֿתּלי גראָס*

ווי נאָך פּורים
גייט אַריבער,
פֿאַרשמעקט מיט פּסח
אין די שטיבער.

ניס און מצות,
זיסע ווײַנען,
און די כּוסות
פֿינקלען, שײַנען.

מע פֿאַרבט די שטיבער,
מע פּוצט די פֿענצטער,
ס'קומט דער יום־טובֿ –
אונדזער שענסטער.

און די וואַסערן
אין טאָלן
שרײַען, רוישן, –
מילן מאָלן.

און די קינדער
אין נײַע קליידער
פֿאַרפּוצטע וואַרטן
אויף דעם סדר.

קומט דער אָוונט –
זינגען שטיבער
מיט דער ליבשאַפֿט,
מיט דער ליבער.

### משה שטייט פֿאַר פּרעהן

*פֿון מאַטאַס אַליצקי*

אין אַ פֿאַסטעכס פּראָסטע קליידער,
מיט אַ שטעקן אין דער האַנט,
שטייט ער, ווי עס שטייט אַ קיניג,
פֿאַרן קיניג פֿון דעם לאַנד.

רויטער זײַד און בלויער סאַמעט
רינט פֿון הויכן טראָן אַראָפּ.
גאָלד און זילבער פּרעהס קליידער,
גאָלד און זילבער אויף זײַן קאָפּ.

פּרעהס קול איז שטרענג און כּעסיק,
בייזע האַנט באַפֿעלט: אַרויס!
און עס ווייסט ביז היינט ניט קיינער
ווי זײַן שרעק געווען איז גרויס.

# באַך און דער קלײנער טרומייטער

יאַניִנאַ וווּרבס (דײַטשלאַנד)

ווינטער־צײַט פֿלעגן מיר פֿאָרן צו באָבע־זיידן אין דרום־מיזרח־דײַטשלאַנד. איך האָב זיך געפֿרייט, ווײַל די בערג לעבן דער קלײנער שטאָט ציטאַו זײַנען געוויינטלעך באַדעקט מיט אַ שיינער שניי־קאָלדערע. מע קען פֿאָרן אין די בערג, אַריבער דער גרענעץ קיין פּוילן אָדער טרעפֿן אויף דער טשעכישער זײַט און הערן אַ פֿרעמד לשון. די באָבע האָט דערציילט, אַז אַ טייל פֿון דער משפּחה האָט אין די פֿריִערדיקע יאָרן געוווינט ניט ווײַט און גערעדט טשעכיש. פֿון דעם צד האָבן מיר עטלעכע אײַנבינדערס, וואָס פֿון דאָרטן נעמט זיך דער משפּחה־נאָמען פֿון מײַן באָבען, וואָס געפֿעלט מיר זייער – קניזשקאַ. „קניזשקאַ“ נעמט זיך פֿונעם רוסישן וואָרט „קניגאַ“ און באַצייכנט אַ ביכל. אין דעם זינען שטימט עס מיט מײַן משפּחה־טראַדיציע – איך האָב אין דער היים אַ היפּשע ביבליאָטעק.

פֿאָרן מיר אַרויס פֿון מײַן היים־שטאָט בערלין, אין אונדזער גרינעם „טראַבי“־אויטאָ. די מאַמע און דער ברודער זינגען זיך צו, און איך קוק אַרויס דורכן פֿענצטערל און באַוווּנדער די לאַנדשאַפֿט און גיכקייט פֿון פֿאָרן.

די באָבע־זיידע וואַרטן אונדז שוין אָפּ אין דרויסן. אונדזער „טראַבי“ האָט זיי אַפּנים געגעבן צו וויסן מיט זײַן זשום נאָך פֿון דער ווײַטנס...

פֿאַר נאַכט זעצט מען זיך אויס אין דעם וווינצימערל און דער זיידע הייבט אָן דערציילן פֿאַר אונדז, קינדער, וועגן זײַן נסיעה קיין קובאַ. איך האָב אַלע מאָל ליב געהאַט דעם זיידנס פֿאַרכאַפּנדיקע מעשׂיות און זיי געדענקט לאַנגע יאָרן. צום באַדויערן, ליגן זיי הײַנט שוין באַגראָבן אונטער די אַלע מעשׂיות, וואָס זײַנען צוגעקומען בעת די שול־יאָרן און מײַן צווייט לעבן, אין אוניווערסיטעט. די מאַמע געדענקט, ווי איך האָב אַמאָל געזאָגט מיט גרויס ווייטיק: איך קען זיך מער ניט דערמאָנען אינעם זיידן. איך האָב אים פֿאַרגעסן. איך געדענק נאָר, אַז איך האָב זיך געפֿרייט און ס'איז געווען שפּאַנענדיק זיך צוהערן צו זײַן דערציילן. דאָס איז ווי אין דער חסידישער מעשׂה פֿונעם רוזשינער רבין, וואָס האָט זיך ניט געקענט דערמאָנען אינעם אָרט אין וואַלד און ניט אין דער תּפֿילה...

דעם זיידן האָב איך ניט געקענט גוט. מיר האָבן דאָך געוווינט ווײַט און פֿלעגן קומען צו באָבע־זיידן איין מאָל אַ יאָר. און אָט הער איך פּלוצלינג, אַז דער זיידע דאַרף זיך לייגן אין שפּיטאָל. ער האָט מער ניט געקענט אויפֿהייבן דעם לינקן אָרעם. די דאָקטוירים האָבן אים געהייסן מאַכן געניטונגען – צו שפּעט האָבן זיי פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט געהאַט אַ מוח־אַטאַק, און פֿיזיאָטעראַפּיע האָט אים נאָר געשאַדט... מיר פֿאָרן אַהין אים מבֿקר־חולה זײַן, סע ווילט זיך מיר זייער זען דעם זיידן. אין שפּיטאָל זאָגט מען אָבער, אַז אַ שפּיטאָל איז ניט קיין אָרט פֿאַר אַזאַ פּיצל קינד, ווי איך בין, און מע לאָזט מיך ניט אַרײַן. הײַנט ווייס איך שוין, אַז ס'איז געווען אַ מין שטייגער ניט אַרײַנצולאָזן קיין קינדער אין שפּיטעלער, אָבער דעמאָלט בין איך שיִער ניט אויסגעגאַנגען פֿון צאָרן און ווייטיק. וואָס הייסט קליין?! אַז איך האָב ליב דעם זיידן, פֿאַר וואָס טאָר איך אים ניט זען? די מאַמע האָט מיר שפּעטער איבערגעגעבן דעם זיידנס ווערטער, וואָס ער האָט אַרויסגעבראַכט מיט כּעס: „זאָל מען דאָ פּגרן און מער ניט קענען זען די אייניקלעך?!“



מיט צוויי טעג שפּעטער האָט ער שוין אויסגעפֿעלט. פֿעלערן פֿון דאָקטוירים...

אויף דעם זיידנס לוויה האָט מען געשפּילט יאָהאַן סעבאַסטיאַן באַכס „טאָקאַטאַ און פֿוגע אין 'ד' מינאָר“, וואָס איז זינט דעמאָלט געבליבן פֿאַר מיר פֿאַרבונדן מיטן צו פֿריִיִקן טויט פֿונעם זיידן, כאָטש מען האָט מיך ניט געלאָזט בײַזײַן, געמיינט, אַז איך, בײַ מײַנע זעקס יאָר, בין צו קליין און פֿאַרשטיי ניט, וואָס דאָס מיינט – „טויט“. איך האָב אָבער ניט פֿאַרשטאַנען, פֿאַר וואָס זיי, די גרויסע, מיינען אַזוי. דער זיידע איז דאָך געשטאָרבן און וועט שוין קיין מאָל ניט צוריקקומען! די באָבע איז נאָכן זיידנס טויט אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ טיפֿן טרויער אויף לאַנגע יאָרן. ביז הײַנט האָט זי זיך מער ניט באַקענט מיט אַן אַנדער מאַן.

איך דערמאָן זיך, אַז מײַן זיידנס באַליבסט ליד איז געווען „דער קליינער טרומייטער“. איך האָב עס אויכעט ליב געהאַט. ס'איז אָבער געוואָרן אַ מין ניט־אַרויסגעזאָגט געזעץ אין דער משפּחה, אַז מען טאָר עס מער ניט דערמאָנען און זינגען צוליב דעם גרויסן טרויער פֿון דער באָבען. שפּעטער, ווען איך האָב אָנגעהויבן זיך לערנען שפּילן פּיאַנע, איז עס געווען די ערשטע מעלאָדיע, וואָס איך האָב געפּרוּווט שפּילן מיט אַ שטיל־נאָגנדיקער בענקשאַפֿט.